Folkpartiet på andra språk: **jiddisch**

# Folkpartiet — די ליבעראַלע פּאַרטיי אין שוועדן

Folkpartiet liberalerna איז די ליבעראַלע פּאַרטיי אין שוועדן. זינט 2006 האָבן מיר אַ חלק אין דער רעגירונג, צוזאַמען מיט די אַנדערע פּאַרטייען אין דער Allians för Sverige. איצט ווענדן מיר זיך צו אײַך מיט אַ בקשה אונדז אונטערצושטיצן פֿון דאָס נײַ – לטובֿת דער דערציִונג און פֿאַר נײַע אַרבעטס־פּלעצער.

די וויכטיקסטע טעמעס זײַנען פֿאַר אונדז:

» **די שולע.** מען דאַרף פֿאַרבעסערן דעם סטאַנדאַרד פֿון וויסן אין דער שוועדישער שולע. מיר ווילן צוריק אײַנפֿירן די אָנווענדונג פֿון דער צייכן־שיטה, אַזוי ווי זי איז געווען אַ מאָל. מיר האָבן אויך אויסגעאַרבעט פּרעלימינאַרע וויסנס־עקזאַמענס, וואָס דאַרפֿן דערמעגלעכן, אַז תּלמידים וואָס נייטיקן זיך אין הילף זאָלן זי קריגן ווי צום גיכסטן. מע דאַרף באַזאָרגן די לערערס מיט אַ גרעסערן אויטאָריטעט־כּוח כּדי אָפּצוהיטן דעם סדר אין קלאַס, זיי זאָלן קענען אַרבעטן אין רויִקע באַדינגונגען. מע מוז אָנווענדן שאַרפֿע מיטלען קעגן אַגרעסיעס.

» **אַרבעט און איניציִאַטיוו.** אַרבעט און אויסבילדונג דאַרפֿן זיך לוינען. מיר האָבן פֿאַרקלענערט די שטײַערן פֿאַר די וואָס פֿאַרדינען אַ נידעריקן צי מיטל־מעסיקן געהאַלט פֿון אונטער 1000 קרוינען אַ חודש. מיר ווילן ווײַטער פֿאַרקלענערן די אַרבעטס־שטײַערן און פֿאַרבעסערן די באַדינגונגען פֿאַר אונטערנעמונגען. מיר ווילן אויך שאַפֿן שטעלעס פֿאַר אויסשולונגען כּדי וואָס מער יונגע מענטשן זאָלן קענען אַרײַנטרעטן אין דעם אַרבעטסמאַרק.

» **פּערזענלעכע זיכערקייט.** עס איז געוווּנטשן אַז יעדער אַרבעטער זאָל זײַן געשיצט דורך אַ פֿאַרזיכערונג קעגן אַרבעטסלאָזיקייט. הײַנט צו טאָג איז דאָס נישט אַזוי. מיר ווילן אויך פֿאַרבעסערן די פּערזענלעכע זיכערקייט פֿון עלטערע מענטשן און אײַנפֿירן אַ געזעץ וואָס זאָל דערלויבן אַן עלטער פּאָרפֿאָלק צו לעבן צוזאַמען, אויך ווען איינער פֿון זיי נייטיקט זיך אין די באַדינגונגען פֿון אַ מושבֿ־זקנים. מיר מוזן פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דעם אָרגאַניזירטן שווער־פֿאַרברעכן.

» **אינטעגראַציע.** ווען די Socialdemokraterna האָבן פֿאַרלאָזן די רעגירונג, איז די אינטעגראַציע געווען אַזוי שלעכט, אַז עס פֿלעגט געדויערן אין דורכשניט זיבן יאָר ביז אַן אימיגראַנט האָט באַקומען אַן אַרבעט. מיר ווייסן אַז אַרבעט און די קענטעניש פֿון דער שוועדישער שפּראַך זײַנען דער שליסל צו אַ פֿולער אינטעגראַציע – דעריבער פֿאַרקלענערן מיר די קאָסטן פֿאַר אונטערנעמונגען וואָס שטעלן אָן נײַע אימיגראַנטן. די פֿאָדערונגען זיך צו לערנען די שוועדישע שפּראַך וועלן זײַן קלאָרערע און די לערערס בעסער אויסגעשולטע. מיר ווילן רענאָווירן אַראָפּגעקומענע קוואַרטאַלן און ווו עס איז נייטיק אויך אײַנרײַסן טיילן געבײַדעס.

» **אייראָפּע און די וועלט.** מיר זײַנען נישט פֿאַראינטערעסירט אויפֿצושטעלן קיין מויערן צו דער וועלט – להיפּוך: מיר ווילן עפֿענען די טויערן צו איר. אַ פֿרײַער האַנדל איז גוט סײַ פֿאַר שוועדן סײַ פֿאַר אַנדערע לענדער. שוועדן מוז ווערן אַ פֿולער מיטגליד אין דער אייראָפּעיִשער פֿאַראייניקונג. דערפֿאַר זײַנען מיר פֿאַר דעם אייראָ. פּליטים דאַרפֿן באַקומען דאָס רעכט צו בלײַבן כּדי אויסצומײַדן רדיפֿות אין זייער היימלאַנד. מיר זײַנען פֿאַר דעם פֿאָרלייג אַז איין

**Välkommen att kontakta oss om du vill veta mer eller bli medlem!**
**www.folkpartiet.se**
**info@liberal.se**
**020–53 53 53**

Vill du hjälpa till i valkampanjen?
SMS:a VOLONTÄR till 72080
så kontaktar vi dig.
Kostar som ett vanligt SMS.

פּראָצענט פֿון דער שוועדישער כּלל־הכנסה זאָל אָפּגעטיילט ווערן כּדי אונטערצושטיצן אַנדערע לענדער. מען דאַרף ניצן דאָס געלט כּדי צו באַקעמפֿן די אָרעמקייט און צו פֿאַרשטאַרקן די אַנטוויקלונג פֿון דער דעמאָקראַציע. שוועדן טאָר נישט צוטיילן קיין אונטערשטיצונג פֿאַר דיקטאַטאָרישע לענדער.

» גלײַכקייט. מען דאַרף פֿאַרגרינגערן די קאָמפּליקאַציעס וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם גלײַכקייט־באָנוס פֿאַר עלטערן־וואַקאַציעס. די שייכדיקע געלטער דאַרפֿן זיך באַווײַזן דירעקט אינעם געהאַלט־צעטל, אָן באַזונדערע אַפּליקאַציעס. מען דאַרף אויך אײַנפֿירן אַ גלײַכקייט־באָנוס מיט מער געלט פֿאַר די פּאָרפֿעלקער וואָס ווילן צעטיילן צווישן זיך די אורלויב־טעג אין פֿאַל פֿון אַ קראַנק קינד. מען מוז פֿאַרשאַרפֿן די שטראָפֿן פֿאַר שווערע אַגרעסיעס קעגן פֿרויען. מען מוז ניצן עלעקטראָנישע פֿוס־קייטן פֿאַר מענער וואָס שפּרײַזן איבער אַ וויזיט־פֿאַרבאָט.

» דער קלימאַט. די קלימאַטישע ענדערונגען שטעלן מיט זיך פֿאָר הײַנט צו טאָג די גרעסטע סכּנה פֿאַר אונדזער סבֿיבֿה. מיר ווילן אויפֿהיטן און אַנטוויקלען די שוועדישע אַטאָמקראַפֿט, כּדי צו פֿאַרקלענערן דעם אַרויסלאָז פֿון קוילן־זײַערס. אַן אינטערנאַציאָנאַלער קלימאַט־אָפּמאַך, וואָס זאָל מחייבֿ זײַן אַלע באַטייליקטע, איז אומבאַדינגט נייטיק. מען מוז אַנטוויקלען די ווינט־ענערגיעס און אַנדערע באַנײַעוודיקע ענערגיע־קוואַלן, ווי אויך פֿאַרשטאַרקן דאָס שפּאָרן ענערגיע.

## פֿאַרמעסטן אויף דער צוקונפֿט

דער אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער קריזיס איז געווען פֿאַר שוועדן אַ שווערער קלאַפּ. אַ דאַנק דער טעטיקייט פֿון דער Allians־רעגירונג איז שוועדן בעסער איבערגעקומען דעם קריזיס ווי אַנדערע לענדער.

אַרבעטספּלעצער פֿאַרנעמען בײַ אונדז דעם אויבנאָן. דורך אַן אַחריותדיקער ווירטשאַפֿטס־פּאָליטיק איז אונדז געלונגען צו סטימולירן די ווירטשאַפֿט. ווען נישט די גוט אַנטוויקלטע ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד, וואָלטן די פֿאַלנדיקע טענדענצן איצט דערפֿירט צו קירצונגען אין דער סאָציאַל־פֿאַרזאָרגונג און צו געהעכערטע שטײַערן.

עס זײַנען דאָ גוטע שאַנסן פֿאַר אַן עקאָנאָמישן וווּקס אין דער צײַט פֿון קומענדיקן מאַנדאַט. פֿון דעסטוועגן איז די מאָס פֿון דער אינעוויינִיקסטער שטאַרקונג געווענדט אין אונדזער אינערן־פּאָליטיק. דער הויפּטפֿאַקטאָר איז, אַז וואָס מער מענטשן זאָלן אָנהייבן אַרבעטן. דאָס אַראָפּלאָזן די אַרבעטס־שטײַערן האָט פֿאַרגרעסערט די כּדאַיִקייט פֿון דער אַרבעט, אָבער עס פֿאָדערן זיך ווײַטערדיקע ענדערונגען וואָס שייך באַשטײַערונג און תּקנות.

מען דאַרף פֿאָרלייגן אויסשולונגס־פּאָסטנס פֿאַר יונגע מענטשן, וואָס דאַרפֿן זיך לערנען אַ פֿאַך.

בילדונג און לימוד דאַרפֿן זיך לוינען. עס דאַרף זיך לוינען צו נעמען אויף זיך די ריזיקע צו באַגרינדן אַ זעלבשטענדיקע פֿירמע. עס דאַרף ווערן פּשוטער אָנצושטעלן אַרבעטער. שוועדן דאַרף זײַן צווישן די פֿירנדיקע לענדער, וואָס זײַנען בכּוח צוצוציִען פֿאָרשונג, נײַע געדאַנקען און פּרויעקטן פֿון אַנדערע לענדער.

אונדזער לאַנד איז אָפּהענגיק פֿון אַן אינדוסטריע וואָס פֿאָדערט אַ סך ענערגיע. פֿאַר זײַן גרונט־אינדוסטריע קען שוועדן באַקומען עלעקטריע אָן קוילן־זײַערס דורכן פֿאַרבײַטן די אַלטע אַטאָם־סטאַנציעס אויף נײַעם אַטאָם־כּוח.

עס זאָל זײַן כּדאַי צו אַרבעטן און זיך אויסצובילדן מוז זיך שוועדן אומקערן צום פּרינציפּ "אַ העלפֿט בלײַבט" – פֿון דער הכנסה. קיינער וועט זיך נישט מתחייבֿ זײַן צו באַצאָלן מער ווי 50% פֿון זײַנע לעצטע 100 קרוינען געהאַלט.

אַ וויכטיקע שליסל־ראָלע פֿאַר אַ געלונגענער אינטעגראַציע שפּילן די אַרבעט און די קענטעניש פֿון דער שוועדישער שפּראַך. עס דאַרפֿן פֿאַרבעסערט ווערן די שפּראַך־לימודים פֿון שוועדיש פֿאַר אימיגראַנטן. ספּעציעל צוגעפּאַסטע אַרבעטן פֿאַרגרינגערן די נײַע אימיגראַנטן דעם אַרײַנטריט אינעם אַרבעטסמאַרק.

דער וואָס האָט פֿאַרלוירן זײַן אַרבעט מוז אומבאַדינגט פֿאַרמאָגן אַ ווירקעוודיקע אַרבעטסלאָזן־פֿאַרזיכערונג. מען דאַרף שאַפֿן אַן אַלגעמיינע אַרבעטסלאָזן־פֿאַרזיכערונג.

## בילדונג אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן ניוואָ

די שולע איז דער בעסטער פֿאַראַנענער מיטל צוצוטיילן איטלעכן גלײַכע שאַנסן. דורך אַ ריכטיקער בילדונגס־פּאָליטיק וועלן אַלע תּלמידים קענען מצליח זײַן.

אײנע פֿון די װיכטיקסטע אױפֿגאַבעס פֿאַר דער Folkpartiet איז דער נײַער אָנהײב פֿאַר די שװעדישע שולעס, װאָס האַלט איצט אין רעאַליזירט װערן. מען דאַרף אָנהײבן צו געבן צײכנס פֿון זעקסטן קלאַס אָן, און מיר האָבן אָנגעהױבן אָנװענדן אַ נײַע פּראָגראַם פֿאַר דער אױסשולונג פֿון לערערס. מען דאַרף קאָנטראָלירן די נאַציאָנאַלע עקזאַמענס פֿאַרן דריטן קלאַס, מיט װעלכע מיר האָבן אָנגעהױבן, און מען מוז בעסער אונטערשטיצן די תּלמידים װאָס האָבן נישט דערגרײכט די צילן. די פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט פֿאַר די שולן דאַרף בעסער נעמען אױף זיך די מלוכה.

גוטע קענטעניש פֿון פֿרעמדע שפּראַכן זײַנען אײן מיטל זיך צו פֿאַרמעסטן מיט דער גלאָבאַליזאַציע. דעריבער דאַרף אַ תּלמיד װאָס האָט זיך געלערנט צװײ פֿרעמדע שפּראַכן אין גרונטשול געניסן פֿון אַ גינסטיקערן אױפֿנעם, װען ער אָדער זי אַפּליקירן אָנגענומען צו װערן אין אַ גימנאַזיע. עס װערט רעקאָמענדירט צו לערנען כינעזיש װי אַ נײַע פֿרעמדשפּראַך אין גימנאַזיע.

## שותּפֿות אין דער גלאָבאַליזאַציע־תּקופֿה

שװעדן מוז זײַן אָפֿן צו דער װעלט – און זיך נישט פֿאַרשליסן הינטער מױערן. שװעדן האָט, דער עיקר דורך דער אײראָפּעיִשער פֿאַראײניקונג, די מעגלעכקײט זיך צו באַטײליקן אין דער װעלט־אַנטװיקלונג און אױף איר משפּיע צו זײַן. מיר װילן פֿאַרטיפֿן דאָס אײראָפּעיִשע שותּפֿות און עס דאַרף אָנגענומען װערן דער אַריבערגאַנג צום אײראָ אױך אין שװעדן.

אַלע פֿאַרדינען דורך פֿרײַען האַנדל. די אָפּצאָל־גרענעצן פֿון דער אײראָפּעיִשער פֿאַראײניקונג צו די אָרעמע לענדער דאַרפֿן אָפּגעשאַפֿן װערן. די רײַכע װעלט טראָגט אױך דאָס מאָראַלישע אַחריות אונטערצושטיצן דעם קאַמף קעגן אָרעמקײט און פֿאַר דעמאָקראַטיע. מען מוז אָפּהיטן דעם ציל “אײן פּראָצענט” פֿאַר דער אונטערשטיצונג פֿון אַנדערע לענדער.

מיר שטיצן אונטער אַ פֿרײַגיביקע פּאָליטיק אין שײַכות מיט פּליטים. דאָס רעכט אױף פּאָליטישן אַזיל איז אַ מענטשלעך גרונטרעכט. מענטשן װאָס װערן גערודפֿט און אַנטלױפֿן האָבן דאָס רעכט געשיצט צו װערן אין שװעדן און אַנדערע פֿרײַע לענדער.

## דאָס געפֿיל פֿון פּערזענלעכער זיכערקײט

מען מוז פֿאַרשטאַרקן דאָס געפֿיל פֿון פּערזענלעכער זיכערקײט אַנטקעגן דעם פֿאַרברעכן. מיר האָבן געהעכערט די צאָל פּאָליציאַנטן פֿון 17000 אױף 20000. מען נײטיקט זיך באַזונדערש אין פֿאַרהיט־אַרבעט און גיכע רעאַקציעס כּדי צו פֿאַרמײַדן אַז יונגע מענטשן זאָלן פֿאַרכאַפּט װערן פֿון דער פֿאַרברעכער־װעלט.

אין אַ פֿאַרזאָרגלאַנד איז נישט רעכט צו צװינגען מענטשן װאָס האָבן אַ גאַנץ לעבן געלעבט צוזאַמען, זיך צו צעשײדן װען אײנער פֿון זײ איז שױן נישט מסוגל צו בלײַבן װױנען אין דער הײם. מען דאַרף אַ נײַ געזעץ װאָס זאָל אַן עלטער פּאָרפֿאָלק גאַראַנטירן דאָס רעכט צו לעבן װײַטער צוזאַמען – אַפֿילו בײַם סוף פֿון זײער לעבנסװעג.

מען דאַרף װײַטער אינװעסטירן אין דער פּסיכיאַטריע. מען מוז צושטעלן אַ באַלדיקן אָנשפּאַר דעם װאָס בעט דרינגענדיקע פּסיכיאַטרישע הילף. די נישט־גענוגנדיקע צוטריטלעכקײט צו פֿאַרשײדענע ערטער דאַרף מען באַטראַכטן װי אַ מין דיסקרימינאַציע.

## מען מוז זיך מוטיק פֿאַראײניקן לטובֿת דער גלײַכקײט

גלײַכקײט איז אַ פֿראַגע פֿון פֿרײַהײט. מיר מוזן זיך װײַטער קאָנצענטרירן אױף דער עקאָנאָמישער גלײַכקײט פֿון פֿרױען. מען מוז באַקעמפֿן די אױפֿגעצװוּנגענע טײלצײַטיקע אַרבעט. כּדי צו פֿאַרבעסערן די גלײַכקײט צװישן טאַטע־מאַמע דאַרף מען פֿאַרפּשוטערן און אױסברײטערן דעם גלײַכקײטס־באָנוס.

גװאַלד קעגן פֿרױען װײַל זײ זײַנען פֿרױען איז אַ דרינגענדיקע גלײַכקײטס־פּראָבלעם. מען מוז פֿאַשטאַרקן דעם קאַמף קעגן פֿאַגװאַלדיקונג און שטרענגער באַשטראָפֿן די פֿאַרגװאַלדיקער.

## אַטאָם־ענערגיע לטובֿת דער שוץ פֿון קלימאַט

די קלימאַט־פּראָבלעם איז אונדזער גרעסטער, קאָנקרעטער, גלאָבאַלער פֿאַרמעסט. שװעדן און די אײראָפּעיִשע פֿאַראײניקונג מוזן זיך אומבאַדינגט װײַטער באַמיִען צו דערגרײכן אַ גלאָבאַלן קלימאַט־אָפּמאַך. מיר װעלן זײַן די ערשטע צו פֿאָדערן די רעאַליזירונג פֿון די העכסטע צילן לגבי דעם קלימאַט.

מען מוז אױפֿבױען אַ נײַעם אַטאָם־כּוח װאָס זאָל קענען פֿאַרבײַטן די ביזאיצטיקע סטאַנציעס, װען זײ װעלן האָבן אױסגעדינט. די קאָמבינאַציע פֿון נײַעם אַטאָם־כּוח און אינװעסטיציע אין באַנײַעװדיקע ענערגיעס װעט דערפֿירן דערצו, אַז דאָס פּראָדוצירן עלעקטריע אין שװעדן װעט זײַן פֿרײַ פֿון קױלן־

זײַערס אויך אין דער צוקונפֿט. אין צענטער פֿון דער קלימאַט־אַרבעט שטייט דער אויפֿהאַלט פֿון דער ביאָלאָגישער מינים־פֿאַרשיידנקייט, נישט פֿאַרגעסנדיק דערבײַ די עקאָלאָגישע פֿאַרמעסטן ווי די אַרבעט מיט דער ים־סבֿיבֿה.

דאָס אַנטוויקלען אַן עלעקטרישן אויטאָ וואָלט פֿאַרקלענערט אויף אַ באַטײַטיקן אופֿן דעם אַרויסלאָז פֿון גאַזן דורך דער טראַנספּאָרט־אינדוסטריע. מען דאַרף צוטיילן באָנוסן פֿאַר אויטאָס וואָס זײַנען גינסטיק צו דער סבֿיבֿה.